# א געשיכטע וועגן אַ נשמה וואס מייז און פּרייסען האָבען אויפגעפרעסען

מאַטע, דו לאַכסט? אַ קלאָג צו דיין געלעכטער!...
אַ אידיש שפּריכוואָרט.

ווען איך פערטראַכט זיך אַ מאָל וועגן די טראַגישע טיפּען, וואָס איך האָב בעגעגענט, דערמאָהן איך זיך אָן מיין אמאָליגען שכן שלמה קאָווארסקי.

עטליכע מאָנאַטען האָבען מיר געוואָהנט אַ טהיר געגען אַ טהיר אין איין טענעמענט־הויז אויף נאָרפאָלק סטריט.

אַ משכיל פון דער היים, איז ער דאָ געווען אַ פּרעסער ביי קינדערשע מאַנטלען אין אַ שאַפּ.

ער איז געווען אַ שטענדיגער אריינגעהער צו מיר, פלעגט געהן צו מיר „זיין מוח שייערען“, — ווי ער פלעגט זאָגען, — און האָט מ י י ן מוח „גע־שייערט“ גאָר אָהן רחמנות...

אבענדס, צווישען אכט און ניין, דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טהיר.

— אהא — טהוט זיך אַ כאַפּ מיין ווייב — דער מוח שייערער געהט שוין מסתמא!

ער קומט אריין, אַ דאַרער, אַ לאַנגער, מיט אַ מאָגער, בלייך פּנים, בע־וואַקסען מיט אַ שוואַרץ געדיכט בערדעל, און מיט גרויסע, שוואַרצע, פער־חלום'טע אויגען.

— גוטען אבענד!

ער וואַרט ניט מען זאָל איהם בעטען זיך זעצען. זעצט זיך אליין אוועק



און דאַן... געהט אוועק אַזאַ לאַנגע סדרה פון „שייערען“ דעם מוח, אַז מיין ווייב בעהאַלט זיך אין צווייטען צימער און אין מיין מוח הויבט אָן צו קלאַפּען און האַמערען, ווי אין אַ קוזניע...

הויבען הויבט ער אָן פון גלאַט אזוי עניני דיומא, נאָכדעם געהט ער אריבער אויף דעם ענין „פּאָליטיקע“ און דאָ, פערשטעהט זיך, פיהלט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. נאָך זיין מיינונג זיינען אמת'ע פּאָליטיקער געווען נור ביי אידען. משה רבינו, שלמה המלך, ישראל ביקאָנספילד און הערצל... ביי די אומות העולם איז געווען נור איין גדול בפּאָליטיקע — ביסמאַרק. אָבער ווי קומט ער צו אַ אידישען קאָפּ, צו אַ ישראל ביקאָנספיעלד! פּכע, אַ הדר־אינגעל געגען אונזער ישראל ביקאָנספיעלד! און דאָס וואָרט „ישראל“ רעדט ער ארויס מיט אַזאַ ווירדע און ליעבע, אזוי ווי ער וואָלט גערעדט פון זיינעם אַ לייבליכען ברודער, וואָס האָט מרעיש עולם געווען מיט זיין גרוי־סען קאָפּ...

קלאָהר געמאַכט דעם ענין „פּאָליטיקע“, נעהמט ער זיך צום ענין „סאָ־ציאַליזמוס“. פון דעם האַלט ער גראָד וועניג. אמת טאַקע, אַ גוטע זאַך, אַ גערעכטע זאַך איז סאָציאַליזמוס, אָבער ביז וואַנען מען וועט אָפּנעהמען ביי אַלע קאַפּיטאַליסטען דעם ממון, די ממתקים, פּאָלג מיך אַ מהלך! ער איז טאַקע מסכים, אַז דאָס איז ניט קיין יושר, וואָס ער, שלמה קאָווארסקי, אַ איד אַ משכיל, אַ איד מיט אַזאַ „שעהנער פּען“, וואָס זיין ארבייט האָט נאָר געדאַרפט זיין פּערפאַסען חבורים, זאָל געצוואונגען זיין צו פּרעסען קינדערשע מאַנטלען ביי מיסטער קאַסנעבעם אין שאַפּ, ביי אַזאַ גראָבען יונג... אָבער... וואָס קען מען זיך העלפען? מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז עולם כמנהגו נוהג, אַז געגען אַ גאַנצע וועלט קען מען ניט וואָיעווען...

ער איז אָבער נאָך ניט פאַרטיג. פון דער עיקר פון אַלע עיקרים האָט ער נאָך ניט גערעדט, פון ליטעראַטור מיין איך...

מיט דער ליטעראַטור — ניט חס ושלום 'מיט דער אידישער, מיט דער „שפחה“, נור מיט דער שררה'טע אליין, טאַקע מיט דער העברעאישער, הייסט עס — האַלט ער זיך פאַר אַ נאָהענטען קרוב. דען מיט אַ יאָהר צעהן צוריק, ווען אין זייער שטעדטעל אין רוסלאַנד, אין טריבוכאָווקע, האָט ניט איצטער געדאַכט, די באָד אָבגעברענט, האָט ער אָנגעשריעבען אַ גאַנצען ארטיקעל וועגען דעם אין זעהר אַ הויכען מליצה־לשון, כמעט אין דעם לשון, אין וועלכען

דער נביא יחזקאל האָט זיין „מרכבה" געשריעבען... דאָס דאָזיגע ארטיקעל, וואָס איז דאַן אין „המליץ" געדרוקט געווען, האַלט ער יעצט הינטער'ן שלאָס און ריגעל אין זיין קאָמאָדע, וואו זיין בתיה'ס כתובה ליעגט... טהייערער ווי אַן אוצר איז עס ביי איהם, אזוי טהייער ווי זיין מיזינקע דוואָשינקע איז עס ביי אָיהם...

דאָס דאָזיגע ארטיקעל דערמאָהנט איהם אַן יענער צייט, ווען ער האָט גע'חלום'ט צו זיין א גדול בישראל... מיט דעם איבערצייגט ער שווארץ אויף וויים יעדען איינעם, אז ער, שלמה קאָווארסקי, איז ניט אבי ווער, קיין געבאָרענער פּרעסער ביי קינדערשע מאַנטלען אודאי ניט...

ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועט ער אייך זיין מייסטער־ווערק וויזען. טאָמער זייט איהר א „גוי" און איהר פערשטעהט ניט קיין העברעאיש, איז אויך קיין מניעה ניט: מיסטער קאָווארסקי פוילט זיך ניט צו פערטייטשען זיין ארטיקעל אויף פליין מאַמע־לשון. און טאָמער וועט דאָס ארטיקעל, איבערזעצט פון דעם שרייבער אליין, ביי אייך ניט ארויסרופען קיין התפעלות, זאָלט איהר וויסען, אז דערפאַר נור געפינט איהר ניט אין איהם קיין טעם, ווייל די גאַנצע מתיקות פון דער העברעאישער שפּראַך ווערט פערלאָרען, ווען די זעלבע ווערטער נעהמט ריידען די „שפחה" אין איהר גראָבען גלות־לשון...

פאַר מיר האָט ער איהם געלעזען אין פערלויף פון עטליכע „אונגליקליכע" חדשים, וואָס איך האָב געוואָהנט מיט איהם א טהיר געגען א טהיר, צוועלף מאָהל!...

צוועלף מאָל האָב איך אויסגעהערט איינע און די זעלבע טראַגישע שילדערונג, ווי אזוי די באָד פון ק"ק טריבוכאָווקע איז אוועק מיט'ן פייער. ווי אזוי די יונגע ווייבלעך האָבען, נעבאַך, ניט געהאַט קיין מים טהורים... ווי אזוי מען האָט צוליעב דעם התונות אָפּגעלייגט א. ז. וו.

און אלע מאָל האָב איך עס אויסגעהערט מיט געדולד, ווייל, זעהענדיג, מיט וואָס פאַר א הרחבה ער לייענט עס פאַר מיר, ווי זיינע אויגען ברענען פון בעגייסטערונג, ווי זיינע בלייכע באַקען פלאַמען, ווי זיין קול ציטערט פון זיסער אויפרעגונג, — האָב איך קיין הארץ ניט געהאַט אָפּצוזאָגען זיך, צו הערען זיין ארטיקעל נאָך א מאָל און נאָך א מאָל. איך האָב געפיהלט, אז דאָס איז דאָס העכסטע פערגניגען אין זיין לעבען...



מיין ווייב אָבער האָט אויפ'ן סוף מורא געקריגען פאַר מיין פערשטאַנד און גענומען מיך צוריידען צו נעהמען אַנאַנדער וואָהנונג.

מיר האָבען אַנאַנדער וואָהנונג גענומען מיט איין גאַס ווייטער און האָבען זיך א ביסעל בערוהיגט.

קאָווארסקי געהט יעצט אויך צו אונז, אָבער זעהר זעלטען. דען, ערשטענס, ארבייט ער ביז זיעבען און א מאָל טאַקע ביז ניין ביינאַכט אין שאַפּ, און ווי געהט מען עפּעס אזוי שפּעט ביינאַכט אין א פרעמד הויז? אז מיר האָבען געוואוינט אין איין הויז, האָט ניט אויסגעמאַכט ווען: דערזעהן פייער אין טהיר, האָט מען אָנגעקלאַפּט. אויסער דעם, וועט זיין אשת חיל מרת בתיה תחיה איהם גלאַט ניט לאָזען אוועקגעהן פון הויז „אין מיטשקע דערינען". קוים וואָס זי דערלעבט זיין קומען פון שאַפּ. ניט חס ושלום, ווייל זי איז אין איהם אזוי שטאַרק פערליעבט, ווייל זי בענקט אזוי נאָך איהם. ניין, דאָס גראָד ניט, אין דיעזער הינזיכט איז זי גראָד א לייטישע אידישע טאָכטער... זי דאַרף אָבער איהם, ער זאָל איהר קוילען ארויפברייננען פון קויהל־מאַן, ער זאָל ביי איהר צונעהמען דוואָשינקען, וועלכע קריכט ניט אראָפּ א גאַנצען טאָג פון איהרע הענד; ער זאָל איינגעהמען סאָשינקען, וואָס האַלט דעם גאַנצען טאָג אָפען דעם מויל און שרייט; ער זאָל אויסטהאָן בערלען, וואָס לאָזט גאָר ניט רוהען...

ווען מיר האָבען דאָרט געוואָהנט, איז ער אָפּט צו אונז געקומען מיט זיין גאַנץ ביסעל בלוט — דוואָשינקע אויף די הענד, סאָשינקע און בערעלע זיך שלעפּענדיג נאָך זיינע פּאָלעס... הקיצור, אצינד אויף אונזער נייער קווארטיר קומט ער צו אונז זעלטען און קיינמאָל ניט מיט זיין ביסעל בלוט...

דערפאַר אָבער, אז ער קומט שוין אמאָל, איז שמע ישראל! זאָל טאַקע זיך גאָט אליין דערבאַרעמען!...

ווי אַן אויסגעהונגערטער, וואָס האָט שוין טעג גאַנצע ניט געגעסען, דערזעהט פּלוצים פאַר זיך א געגרייטען טיש מיט כל טוב: מיט פיש, פלייש, קארטאָפעל, כרעמזלאך, קנישעקלעך און נאָך, און נאָך — ווייסט זיך ניט פאַר וואָס ערשט צו כאַפּען, אזוי האָט ער ניט געוואוסט, פון וואָס ערשט צו ריידען, פון וואָס ערשט צו נעהמען זיין מוח „שייערען"...

ער שפּרינגט פון איין טהעמא אויף דער אנדערער, מישט אלעס אין איינעם, שייערט זיין מוח און ענגבערט מיינעם...

„ביקאָנספיעלד, ישראל ביסמארק — סאָציאַליזמוס — ק"ק טריבוכאָווקע — „המליץ" — די שרפה — די נשים — די מים טהורים — די צושטערטע חתונות...

דער קאָפּ שפּאַלט זיך !...

אײַנמאָל בײַנאַכט זיץ איך פערטהאָן בײַ מײַן שרײַב־טיש. דערהער איך אַ קלאַפּ אין טיהר.

איך רוף אַרײַן — ערשט קאָוואַרסקי ! אָבער, טאַטעלאַך מײַנע, ווי ער זעהט אויס !

זײַן געדיכט, שוואַרץ בערדעל איז צופּאַלטעט, אַ מורא !... דער פּנים בלאַס, צומישט, די אויגען צוטראָגען און צושראָקען, די קליידער אָפען, ניט פערשפּיליעט, און די הענד האַלט ער אויסגעשטעלט צו מיר און זיי ציטערען בײַ איהם...

וואָס איז עס מיט אײַך, מיסטער קאָוואַרסקי ? — טהו איך זיך אַ כאַפּ צושראָקען.

— אַן אונגליק ! — שטאַמעלט ער — און שטרעקט אויס צו מיר זײַנע הענד נאָך נעהענטער, — אַן אונגליק... זעהט, וואָס זיי האָבען געמאַכט...

איך קוק אויף זײַנע ציטערענדיגע הענד, בעמערק, אַז זיי האַלטען אַ הויפען געלע, צופּיצעלטע שטיקלאַך פּאַפּיער און פערשטעה גאָר ניט.

— וואָס איז עס ? -- פרעג איך פערוואונדערט.

— געדענקט איהר ניט דעם אינהאַלט פון מײַן אַרטיקעל ? — רײַסט זיך בײַ איהם אַרויס אַ הייזעריג קול און ער קוקט אויף מיר מיט אַזאַ רחמנות־פּנים.

קוק איך איהם אָן נאָך מעהר פערוואונדערט.

— איך האָב דאָך אײַך פאָרגעלעזען אַזוי פיעל מאָל... איהר מוזט דאָך איהם געדענקען... איהר זײַט דאָך אַליין אַ שרײַבער... זעהט !...

— וואָס איז געשעהן, מיסטער קאָוואַרסקי ?

און ווען איך פרעג עס בײַ איהם, פאַלט מיר אײַן, אַז דער מענש האָט הפּנים זײַן פערשטאַנד פערלאָרען.

— בײַ מיר איז אַן אונגליק, — שטאַמעלט ער — זעהט !...

ער ווײַזט מיר ווידער אויף די שטיקלאַך פּאַפּיער, וואָס ער האַלט אין



די הענד... די פּאַפּירלאַך מיט געדרוקטע אותיות זײַנען אַרומגעגריזשעט, דורכגעלעכערט, ווי אַ זיפּ, און פול מיט קליינע געלע פלעקען...

— דאָס האָבען זיי מיר געמאַכט פון דעם אַרטיקעל, די מײַז און די פּרײַסען !.... האָבען זיך פערקליבען אין קאָמאָדע... זעהט, איך בעט אײַך, איהר מוזט געדענקען !...

און דערהערט עס, האָב איך שיער ניט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, קוים זיך בעהערשט און מיט מיה אַרויסגערעדט :

— ניין, ליידער געדענק איך ניט...

— היינט וואָס טהוט מען ? — קרעכצט ער אַרויס מיט פערצווייפלונג און, בעמערקענדיג מײַן שמייכעל, לייגט ער צו מיט טיעפען וועהטאָג אין קול:

— יע, אײַך דאַכט זיך עס איז גאָר אַ קלייניגקייט. אָבער מיר... בײַ מיר איז עס אַן אַנדנעקען פון אַזאַ צייט, אַזאַ... אויפגעפּרעסען... די נשמה פון מײַן יוגענד ! — קרעכצט ער.

— געדענקט איהר ניט אַליין דעם אינהאַלט פון אַרטיקעל ? — פרעג איך איהם.

— קיין וואָרט ניט, קיין האַלב וואָרט ניט ! — רעדט ער פערצווייפעלט. און פּלוצים ווערט ער אַנשווייגען. טראַכט אַ ווײַלע, דאַן רעדט ער אַרויס, ווי פון שלאָף :

— איך'ל געהן צו יאַמפּאָלסקי... יענעם האָב איך עס אויך פאָרגעלעזען אַ מאָל צוואַנציג... ער איז אַ משכיל... געדענקט אודאי... אָ־אָ־אָך !!...

און מיט דיעזען קרעכץ איז ער אַרויס.

---

זײַט דיעזער געשיכטע זײַנען שוין אַ פּאָאָר יאָהר אַוועק, און נאָך יעצט שטעהט די טראַגישע געשטאַלט פון שלמה קאָוואַרסקי פאַר מײַנע אויגען און אין מײַנע אויערען קלינגט נאָך יעצט זײַנע פערצווייפעלטע ווערטער : „די נשמה פון מײַן יוגענד האָבען זיי אויפגעפּרעסען... די נשמה פון מײַן יוגענד !"...

מאַי, 1897, ניו־יאָרק.